
בס"ד פ' בשלח תשפ"ב
קינדער
שריפט
ספעציעלע ביילאגע
פאר קינדער פון גרויס ביז קליין
נייע קאלום
נייעס פון דער
חדר וועלט
מַרְכְּבֹת פַּרְעֹה וְחֵילוֹ יָרָה בַיָּם
מצרי'שע געפינסן
געטראפן אינעם
ים סוף
די מערסט געפרוירענע שטעט
מדרש דערציילט:
עקילס
הגר ביים
קעניג

# די מערסט געפרוירענע שטעט



די שטאט **אסטאנא,** איז די הויפטשטאט פון **קאזאכסטאן,** א לאנד אין צענטראל אזיע. די שטאט איז פארגעשריטן און אנטוויקלט, מיט הערליכע געביידעס וואס גיט איר א רייכער ארכיטעקטורישער בליק. אבער נאך עפעס וואס עס פארמאגט, עס איז איינע פון די שטעט מיט די סאמע מערסט געפרוירענע וועטערס אין דער וועלט.

ווען עס קומט ווינטער, וועט די דורכשניטליכע טעמפעראטור זיין ארום מינוס פערצן, און די רעקארד קאלטע טאג איז דארט געווען מיט מינוס איין-און-פופציג! כאטש וואס זומער ווארימט זיך אן די שטאט, בלייבט אבער רוב צייט אין יאר דער טייך געפרוירן, וואס צייגט ווי קאלט די שטאט איז.



עס איז דא א לאנד מיט'ן נאמען **מאנגאליע,** וואס דארט איז דא א שטאט וואס הייסט **אולאנבאטאור.** זומער איז די טעמפעראטור גאנץ אקעי, אבער ווען עס קומט ווינטער לאזט זיך אראפ א קעלט וואס שניידט אלע ביינער.

זייענדיג א שטאט צווישן הויכע בערג, קען די קעלט דערגרייכן צו אונטער מינוס פיר-און-צוואנציג, וואס מאכט דעם מענטש פשוט געפרוירן ווערן, אלעס ווערט ווי פאראליזירט, אפילו די וואסערן וואס געפינען זיך אין די היימען קענען פארפרוירן ווערן זייער לייכט.



פראגע: אויב זאג איך אז דער נאמען פון א שטאט איז **יאקוסטאק,** דארף איך נאך אויספירן אז עס געפינט זיך אין **רוסלאנד,** אדער נישט?... דרום זייט צום צפון פאול, אין הארץ פון דער פארפרוירענער סיביר, געפינט זיך די שטאט יאקוסטאק, וואס איז די הויפטשטאט פונעם סאכא אויטאמאנישע רעפובליק.

די שטאט איז שוין געקרוינט געווארן מיט לאנגע יארן צוריק אלס איינס פון די געפרוירענסטע שטעט איבער דער וועלט, און האט נישט רחמנות בכלל אויף די אריבער 300,000 איינוואוינער וואס געפינען זיך דארט. צו פארשטיין ווי קאלט דאס איז, ווען די טעמפעראטור גרייכט צו מינוס פינף-און-צוואנציג, הייסט עס שוין 'נישט אזא קאלטער טאג'...

# שריפט
# און **בילד**



דא איז די שטאט **יעלאונייף**, די הויפטשטאט פון צפון-מערב **קאנאדע**. דאס איז פון די מערסט געפרוירענע שטעט אין צפון אמעריקע, ווען ארום דריי פערטל יאר קען די טעמפעראטור זיין בלויז אונטער זערא, און רוב מאל איז עס גאר קאלט.

יעלאונייף איז בארימט מיט אסאך שניי וואס פאלט דארט, עס איז שוין געווען דארט צייטן מיט א קעלט פון אונטער מינוס פופציג, אבער מיט דעם אלעם שטעלן זיי צו אסאך שניי אטראקציעס וואס ציען צו זיך מענטשן פון ארום דער גאנצער וועלט.




גוט, ס'איז פארשטענדליך אז קיינער ווערט נישט אנטציקט ווען מען רעדט פון **בארו**, די מערסטע צפון שטאט איבער די פאראייניגטע שטאטן, זיצנדיג גאר צפון זייט פון דער פארפרוירענער **אלאסקע**. זומער איז דארט אויך אונטער מינוס, אלזא איז נישט פשוט די קעלט דארט. איר קענט זיך אליין פארשטעלן...

קיינער איז נישט מקנא די 4,000 איינוואוינער דארט וועלכע האבן בלויז 65 טעג א יאר וואס די זון שיינט דארט אויף, און בלויז 120 טעג א יאר קען מעגליך די טעמפעראטור אנקומען צו א טראפ העכער ווי זערא. אבער מען קען דארט זען די הערליכע צפון שטראלן, וואס באלייכטן דעם פינסטערן האריזאנט מיט קאלירפולע שטראלן.



מענטשן וואס גלייכן אייז, און בעיקר זאכן געמאכט פון אייז, האבן שוין זיכער געהערט פון דעם שטאט **הארבין**, וואס געפינט זיך אין **כינע**, נישט ווייט פון סיביר. דאס איז א שטאט וואס איז וועלט-בארימט צוליב אירע ריזיגע שניי-גאסן וואס ווערן פאכמאניש אָהערגעשטעלט דארט דורך ארטיסטן פון ארום דער וועלט.

נישט אומזיסט האט כינע ערוועלט דעם שטאט דערפאר, פארמאגנדיג דעם ריזיגן ציפער פון 9.5 מיליאן איינוואוינער, נאר דארט קען מען רואיג בויען אייז-געביידעס אן קיין מורא עס זאל צעלאזט ווערן, די דורכשניטליכע טעמפעראטור א גאנץ ווינטער איז צווישן מינוס צוואנציג ביז מינוס פערציג.

# שריפט
# און בילד



פארשידנס און אינטע...
פון ארום און...
באשעפער...



אונזער קומענדיגע געפרווירענע שטאט איז **ארזאראום**, א שטאט אין **טערקיי**. זומער איז דארט דער וועטער גאנץ כמעשה, אבער ווינטער זאל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין פון אט די קעלט וואס הערשט דארט, זייענדיג א שטאט ארומגענומען מיט בערג.

די געוועגליכע טעמפעראטור דורכאויס דעם זומער איז ערגעץ צווישן מינוס צוואנציג ביז מינוס פינף-און-דרייסיג, מיט פעסטע שנייען וואס פאלן כסדר אויפ'ן שטאט און פאראליזירן איר.



מיר זענען צוריק קיין **אמעריקע**, דאסמאל צום קליינעם שטעטל **אינטערנעשענאל פאולס**, וואס רופט זיך 'די נאציאנאלער אייז פאנגער', א שטעטעלע אין צפון מיניסאוטע, מיט א שרעקליכע קעלט וואס איז געווענליך ארום מינוס פופציג.

אינעם שטעטל וואוינען ארום 4,000 איינוואוינער, און איז פון די סאמע קעלטסטע שטעט אין אמעריקע, דינענדיג אויך אלס דעם ארט וואו אמעריקע שטעלט אהער זייערע אייז-סקולפטורן פארשטעלונגען, וואס קאנקורירט מיט די כינעזער וועמען מיר האבן פריער שוין באגעגנט.



געוועגליך ווייסן מיר אז דער גיהנם איז קאכעדיג הייס מיט פלאקערדיגע פינקען פייער, אבער די שטאט **העלל** וואס באדייט גיהנם, אין **נארוועגיע**, איז דער גיהנם פון אייז און פראסט. די איינוואוינער שפירן זיך ממש אריינגעווארפן אין אזא סארט גיהנם, אזש זיי רופן אזוי זייער שטאט!

א דורכשניטליכער טאג אין דעם שטאט איז די טעמפעראטור אונטער מינוס פינף-און-צוואנציג, און דאס איז כמעט א גאנצע יאר. די 1,500 איינוואוינער האבן פרנסה פון טויזנטער מענטשן ארום דער וועלט וואס קומען אהין אלס טוריסטן, צו מאכן א בילד ביים גרויסן טאוול וואס ליגט אינעם שטאט אריינגאנג: ברוכים הבאים צו גיהנם...